# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:07
מוצאי שב"ק....................8:39

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...................... שופטים ה - ו
בבלי.................. בבא מציא לח
ירושלמי.................. עירובין כג
תוספתא................. בבא קמא ד
רמב"ם............ ערכים וחרמים ג

פרשת שמיני, שבת החודש, מברכים חודש ניסן, כ"ז אדר ב', שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 27 (645)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

כֹּל אֲשֶׁר לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּמַּיִם בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים אֹתָם תֹּאכֵלוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז פִישׁ מֶעג מֶען עֶסְן נָאר אוֹיבּ עֶס הָאט "סְנַפִּיר - פְּלוֹס פֶּעדֶערְן" וָואס מִיט דֶעם שְׁווִימְט עֶר, אוּן אוֹיךְ "קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן", וָואס זֶענֶען וִוי אַ פַּאנְצֶער אוֹיף זַיין גוּף.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו'), וֶוען אַ אִיד ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר זַיין "בָּקִי בְּרָצוֹא וּבָקִי בְּשׁוֹב", פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן וִוי מֶער גוּטְס, אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז מֶען זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְקְן, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען ווִיל, אֲפִילוּ מֶען פַאלְט דוּרְךְ אוּן מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט גְלַייךְ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דוּ וֶועסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד", טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, זִיךְ הַאלְטְן זַייעֶר שְׁטַארְק, "אִיךְ בִּין טַאקֶע דוּרְכְגֶעפַאלְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאךְ אַלְץ לִיבּ, עֶר וַוארְט נָאךְ אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נָאכְאַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. אִיךְ וֶועל מִיר אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר אִים, אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (קל"ט, ח') "**אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה, וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ**", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְלִיעֶט אִין הִימְל, עֶר אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל עֶר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאךְ הֶעכֶער אוּן גְרֶעסֶער, עֶר דַארְף אַלְץ פְּרוּבִּירְן צוּ וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער אוּן נָאךְ בֶּעסֶער, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען "**וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ**", אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט מֶען אִיז גֶעפַאלְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָארְט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען זִיךְ גֶעבְּן אַ דְרֵיי אוֹיס אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען אִיז שׁוֹין צוּרִיק בַּיי אִים.

דָאס אִיז דֶער פָּסוּק אוּנְז מְרַמֵּז דָא; אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ פִישׁ, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מח, טז) "**וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ**", אוּן דִי אִידְן דַארְפְן שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָ' נה, א) "**הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם**", אוּן אוֹיךְ תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה ב, יט) "**שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'**", קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד אִיז וִוי אַ פִישׁ וָואס דַארְף שְׁווִימֶען אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

דֶער אִיד דַארְף אָבֶּער הָאבְּן "**סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת**", פוּן אֵיין זַייט "**סְנַפִּיר - פְּלוֹס פֶּעדֶערְן**" צוּ קֶענֶען גוּט שְׁווִימֶען, צוּ קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן, "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן**", דָאס מֵיינְט אַז עֶר דַארְף הָאבְּן אַ פַּאנְצֶער, זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע קֵיינְמָאל נִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ.

חֲזַ"ל זָאגְן (נִדָּה נ"א:), אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז דִי פִישׁ הָאט "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן**", אִיז זִיכֶער אַז עֶס הָאט "**סְנַפִּיר - פְּלוֹס פֶּעדֶערְן**", דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶער פַּאנְצֶער, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר זַייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אַז מֶען וֶועט זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי צַדִּיקִים, וָואס לֶערְנֶען דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ שְׁווִימֶען אִין "יַם הַחָכְמָה" אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שְׁמִינִי תשס"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ

וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, מֶען בֶּענְטְשְׁט שׁוֹין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן, צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "'הַחוֹדֶשׁ' הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ 'חֳדָשִׁים', רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם 'לְחָדְשֵׁי' הַשָּׁנָה", עֶס וֶוערְט דְרֵיי מָאל דֶערְמַאנְט דֶער וָוארְט "חָדָשׁ - נֵיי". דְרֵיי מָאל אִיז אַ חֲזָקָה, יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן.

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶערוּקְט דֶעם זֵייגֶער אוּן דֶער זְמַן אִיז שְׁפֶּעט, זָאלְסְטוּ זֶען אַהֵיים צוּ גֵיין גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶונֶען, אוּן בְּלַייבּ נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן נָאכְן דַאוֶונֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס, מֶען דַארְף גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין מַאכְן קִידוּשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רעא): "כְּשֶׁיָּבֹא לְבֵיתוֹ יְמַהֵר לֶאֱכוֹל מִיָּד", מֶען דַארְף גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה; פוּן דִי אַלֶע שְׁמוּעֶס'לֶעך בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער, אַנְשְׁטָאט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל פוּן דְבָרִים שֶׁל מַה בְּכָךְ, גֵיי אַהֵיים אוּן שְׁמוּעֶס מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן דִי סֶדְרָה, פוּן צַדִּיקִים, אוּן פַארְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילָה.

זֶע מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת. "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט אִין שַׁבָּת, נָאר זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּלְהַרְבּוֹת בְּתַעֲנוּגֵי שַׁבָּת בְּכָל מִינֵי תַּעֲנוּג; הֵן אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, הֵן מַלְבּוּשִׁים, כְּפִי מַה שֶּׁיָּכוֹל, כִּי אֲכִילַת שַׁבָּת הִיא כֻּלָּהּ רוּחָנִיּוּת, כֻּלּוֹ קֹדֶשׁ, וְעוֹלָה לְמָקוֹם אַחֵר לְגַמְרֵי מִן אֲכִילַת חֹל, כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ תשע"ז)



דער מולד וועט זיין: מאנטאג ביינאכט 57 מינוט און 7 חלקים נאך 10 | ראש חודש ניסן יהיה ביום השלישי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# עֶס אִיז דָא אַ צַייט צוּ שְׁוַויגְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר: שְׁטַארְק דִיר מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן קוּשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, גְלֵייבּ אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז זִיכֶער גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶפֶּעס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט אִיז עֶס אוֹיךְ לְטוֹבָה.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): **"אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל"**, הָאט ר' נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵּל?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט דִי מוֹיל מִיט דִי אוֹיגְן, דָאס אִיז בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְמַאכְט דִי מוֹיל - עֶר פְרֶעגְט נִישְׁט קֵיין קוּשְׁיוֹת, עֶר פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן - עֶר וִויל גָארְנִישְׁט זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה אַז אַלֶעס וֶוערְט גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים מִיט זַיין יְשׁוּעָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (זְבָחִים קטו:): "כֵּיוָן שֶׁיָּדַע אַהֲרֹן שֶׁבָּנָיו יְדוּעֵי מָקוֹם הֵם, שָׁתַק וְקִבֵּל שָׂכָר", וֶוען נָדָב אוּן אֲבִיהוּ זֶענֶען נִפְטַר גֶעוָוארְן הָאט אַהֲרֹן הַכֹּהֵן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קֵיין קוּשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא י, ג): "וַיִּדֹּם אַהֲרֹן"; וְכֵן בְּדָוִד הוּא אוֹמֵר (תְּהִלִּים לז, ז): "דּוֹם לַה' וְהִתְחוֹלֵל לוֹ", אַף עַל פִּי שֶׁמַּפִּיל לְךָ חֲלָלִים חֲלָלִים אַתְּ שְׁתֹק, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: "פְרֶעג נִישְׁט קֵיין קוּשְׁיוֹת אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת". שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ג, ז): "עֵת לַחֲשׁוֹת וְעֵת לְדַבֵּר", עֶס אִיז דָא אַ צַייט צוּ שְׁוַויגְן אוּן א צַייט צוּ רֶעדְן, "פְּעָמִים שֶׁשּׁוֹתֵק וּמְקַבֵּל שָׂכָר עַל הַשְּׁתִיקָה", וֶוען מֶען דַארְף שְׁוַויגְן אוּן מֶען שְׁוַוייגְט בַּאקוּמְט מֶען שְׂכַר אוֹיפְן שְׁוַויגְן; דָאס מֵיינְט וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צָרוֹת דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט פוּן שְׁוַויגְן, זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַז מֶען שְׁוַוייגְט אוּן מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קֵיין קוּשְׁיוֹת מִיט קֵיין שְׁאֵלוֹת, נָאר מֶען וֵוייסְט מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען שְׂכַר, "וּפְעָמִים מְדַבֵּר וּמְקַבֵּל שָׂכָר עַל הַדִּבּוּר", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען דַארְף רֶעדְן אוּן מֶען רֶעדְט, בַּאקוּמְט מֶען שְׂכַר אוֹיפְן רֶעדְן; דָאס אִיז וֶוען מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵּין מַהַרְשָׁ"א דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'וְכֵן שְׁלֹמֹה') דֶעמָאלְט בַּאקוּמְט מֶען שְׂכַר אוֹיפְן רֶעדְן.

שְׁטַארְק דִיר מִיט תְּפִילָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן דִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דַיין צָרָה. מִיר לֶערְנֶען הַיינְט אִין יְרוּשַׁלְמִי (בְּרָכוֹת ד.) אַז וֶוען מֶען דַאוֶוענְט דַארְף מֶען שְׁטֵיין מִיט צוּזַאמְגֶעלֵייגְטֶע פִיס אַזוֹי וִוי דִי מַלְאָכִים וָואס בַּיי זֵיי שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל א, ז): "וְרַגְלֵיהֶם רֶגֶל יְשָׁרָה"; וַוייל מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן, מֶען אִיז אַזוֹי וִוי גֶעבִּינְדְן מִיט קֵייטְן; מֶען וַוייזְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן אָן אִים, מִיר דַארְפְן עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפְן (עַיֵּין טוּר אוֹרַח חַיִּים, סִימָן צה, בְּבֵית יוֹסֵף בְּשֵׁם מַהֲרִ"י אַבּוּהַב).

דָאס דַארְפְן מִיר כְּסֵדֶר חַזֶרְ'ן: "מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר קֶענֶען גָארְנִישְׁט, מִיר קֶענֶען נָאר אֵיין זַאךְ, בֶּעטְן, בֶּעטְן אוּן נָאכְאַמָאל בֶּעטְן".

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אִין הַארְץ, וֶועט דִיר גוּט זַיין.

**אַ גוּטְן טָאג.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת רְאֵה תשע"ח)



בְּאֱמֶת קֶען זִיךְ אַ אִיד בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג, מֶען מוּז נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז חוֹדֶשׁ נִיסָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אַ אִיד דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי. יֶעצְט אָבֶער, פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן, פוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְשׁוּת, זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן, אַרַיינְצוּנֶעמֶען קְלָאר אִין קָאפּ: "נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן זֶען וָואס אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּן גוּטֶע זַאכְן".

דֶערְפַאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן הִתְחַדְשׁוּת, אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס עֶס וֶועט זַיין וַוייטֶער, נָאר אִיךְ זָאל מִיר שְׁטֶענְדִיג קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף דִי יֶעצְטִיגְן מִינוּט, וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּן גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיּוֹת וּבְגַשְׁמִיּוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין".

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים לוֹיט דִי לְבָנָה צוּ וַוייזְן אַז אִידְן זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה, סוֹף חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס בַּאנַייעֶט אוּן וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, מֶען פִילְט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען פַאלְט אוּן פַאלְט, מֶען וֶוערְט קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶער נָאכְדֶעם בַּאנֵייעֶט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וַוייל דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן רֶבִּי'ן, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ו') אַז עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי.

אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן פוּן רֶבִּי'ן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן בְּרוּחֲנִיּוֹת, הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הֵייבּ יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל", אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טוּן יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס פְלֶעגְט זַיין בַּיי אִים יֶעדְן טָאג, אוּן אֲפִילוּ עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג. וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רמ"ז) "אַזַא חִידוּשׁ וִוי מִיר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען". אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אִיז אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער "חִידוּשׁ" טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן פוּן "הִתְחַדְשׁוּת", זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנַייעֶן. אוּן דָאס לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס אוֹיךְ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט שְׁטַארְק מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט בַּאנַייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ח) אַז אִין וִוינְטֶער שְׁטַארְבְּן אָפּ אַלֶע

<<<<<<

בֵּיימֶער אוּן גְרָאזְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער לֶעבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף, אוּן דֶעמָאלְט קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי בֵּיימֶער, אוּן זִיךְ אוֹיךְ בַּאנֵייעֶן אַזוֹי וִוי זֵיי. אוּן דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן פֶעלְד צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, אוּן דֶער אֶמֶת אִיז, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע פֶעלְד, מֶען קֶען אִיבֶּעְרָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער הֶעלְפְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן בֶּאֱמֶת וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן אַ אִיד אִין עֲבוֹדַת ה', וֶוען מֶען בַּאנֵייעֶט זִיךְ יֶעדֶע מָאל פוּן פְרִישׁ, דוּרְךְ דֶעם שְׁטֵייגְט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אִין עֲבוֹדַת ה' דַארְף זַיין מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מֶען טוּט עֶס, מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית", מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מִנְחָה, "יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען מִנְחָה", מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אֲפִילוּ מֶען אִיז מִיד אוּן אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְצֶע טָאג, פְרִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיף וַוייל מֶען גֵייט יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֵיין דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב.

מֶען זֶעט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲרִיב פוּנֶעם יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט, דַאוֶוענְט יֶעדֶער מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה אוּן הִתְעוֹרְרוּת, וַוייל דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה פוּן יָאר דַאוֶוענְט מֶען עֶס מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען יֶעדֶע מַעֲרִיב דַאוֶוענֶען אַזוֹי, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן יֶעדֶע מָאל פוּן נֵיי, דֶעמָאלְט אִיז יֶעדֶע תְּפִלָּה דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען דַאוֶוענְט, אוּן מֶען דַאוֶוענְט עֶס מִיט גְרוֹיס גֶעשְׁמַאק.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים לֶערְנֶען, יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען זֶעצְט זִיךְ לֶערְנֶען, צִי זָאל עֶס זַיין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, אָדֶער מֶדְרָשׁ, זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, "אִיךְ גֵיי יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל לֶערְנֶען דִי נֵייעֶ לִימוּד", אוּן וֶוען אַ אִיד פִירְט זִיךְ אַזוֹי וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנֵייעֶן אוּן מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען דָאס אוֹיךְ גֶעזֶען וִוי עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶט, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מְגַלֶּה זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, הָאט מֶען אִים גְלַייךְ נָאכְדֶעם גֶעטְרָאפְן וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?", וַוייל עֶר פְלֶעגְט אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען בַּאנֵייעֶט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן נָאכְגֶעלָאזְט פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִיפְּרֶעסִיֶע, אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תל"ו) אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הֵייבּ פוּן יֶעצְט אָן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". וַוייל מְמָה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ בִּיז יֶעצְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גוּט, וֶועט פוּן יֶעצְט זַיין נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן אוֹיבּ אִיז בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דַארְף מֶען דָאךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

דָאס הָאט מֶען אֵייבִּיג גֶעזֶען, אַז דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי מִדָּה פוּן "הִתְחַדְּשׁוּת", הָאבְּן גָאר שֶׁעֶנֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי, טוּט מֶען אַלֶעס מִיט אַסַאךְ מֶער חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ - חוֹדֶשׁ נִיסָן)

# שַׁבָּת מְבָרְכִים נִיסָן

דֶעם שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, עֶס אִיז שַׁבָּת מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ נִיסָן, שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, אוּן דִי וָואךְ פַאלְט אוֹיס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס יוֹם הוּלֶּדֶת, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן שְׁנַת תקל"ב וָואס אִיז דֶעמָאלְטְס אוֹיסגֶעפַאלְן פָּרָשַׁת תַּזְרִיעַ אוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן רֶבִּי'ן אִיז הִתְחַדְּשׁוּת - זִיךְ בַּאנֵייעֶן, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען כְּסֵדֶר אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ו) **אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם**, בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, **אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעְלָה גְּדוֹלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**, אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעְלָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן טוּן מִצְוֹת, וַוייל עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ", אוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת אוּן מֶען הָאט הֲנָאָה פוּן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, זָאגְן חֲזַ"ל אִיז אַזוֹי וִוי מֶען פַאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים. גְרֵייט דִיךְ אָן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה, הַיינְט אִיז דָא אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ, קוֹיף דִיר אַ מַעֲשֶׂה בִּיכְל וָואס הָאט גוּטֶע מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן, עֶס אִיז אַ גוּטֶע אִינְוֶועסְמֶענְט צוּ קוֹיפְן אַ בִּיכְל וָואס מֶען קֶען פַארְצֵיילְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת. אוֹיךְ זֶע צוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת בַּיי דִי סְעוּדָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "זִינְגֶען זְמִירוֹת דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט", פַאר דוּ מַאכְסְט קִידּוּשׁ זִינְג שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, וִוי לַאנְג נֶעמְט עֶס, אַפָּאר מִינוּט, דִי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן דִיךְ פוּן שׁוּל וַוארְטְן צוּ זֶען וָואס טוּט זִיךְ דָא אִין דַיין שְׁטוּב, וַוייז זֵיי וָואס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, אֲפִילוּ מֶען אִיז הוּנְגֶערִיג אוּן מִיד אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין נֶערְוְון צוּ זִינְגֶען, דָאךְ פִירְט מֶען זִיךְ וִוי אַ עֶרְלִיכֶע אִיד, אוּן בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ, פַארְצֵייל אִיר שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט אוּן אַ שֵׁיינֶע וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה, נִישְׁט סְתַּם פְלֶעטְשְׁקֶענֶען פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת.

נָאכְן עֶסְן זִינְג כָּל מְקַדֵּשׁ, מְנוּחָה וְשִׂמְחָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אִין בְּרֶסְלֶב פְלֶעגְט מֶען זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אִיךְ הָאבּ אַ מָאל גֶעגֶעסְן בַּיי אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וָואס הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען צוּ קֵיין נִיגוּנִים, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען דִי גַאנְצֶע זְמִירוֹת מִיט אֵיין טָאן, אָבֶּער עֶס הָאט גֶעהַאט אַלֶע טַעֲמִים, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אֶמֶת אוּן מִיט אַ חֵן. אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת, זִינְג כָאטְשׁ אַבִּיסְל, דָאס אִיז דִי מַעֲלֶה פוּן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב", אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט; ר' נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט שְׁפֶּעטֶער, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט גַאנְץ שַׁ"ס מִיט אַלֶע תּוֹסְפוֹת אוֹיסְנְוֵוייניג, דָאךְ הָאט ר' נָתָן גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב", אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, דֶעמָאלְטְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל אַסַאךְ טוּט עֶר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אַז מֶען וֵוייסְט אַז "מְעַט גַּם כֵּן טוֹב" אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, טוּט מֶען קוֹדֶם אַבִּיסְל וְכוּ'.

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז נָאךְ אַבִּיסְל גֵייעֶן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה; מַצָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן (זוֹהַר שְׁמוֹת, קפג:): "מֵיכְלָא דִּמְהֵימְנוּתָא", אַן עֶסְן פוּן אֱמוּנָה; דוּרְךְ מַצָּה וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן אוּנְזֶער גָּלוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ז): "עִיקַּר הַגָּלוּת זֶה רַק מֵחֲמַת

חִסָּרוֹן אֱמוּנָה", וָואס אִיז גָּלוּת? אַז מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דּוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

מִיר דַארְפְן גוּט אַרַיין בַּאקְן אִין אוּנְז אוּן אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט, אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַ גַאנְץ יָאר צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (מוּבָא בִּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תמז, סְעִיף קָטָן א): "הַנִּזְהָר מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ בְּפֶסַח, מֻבְטָח לוֹ שֶׁלֹּא יֶחְטָא כָּל הַשָּׁנָה", וֶוער עֶס אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח, וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מַצָּה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", מֶען גֶעדֶענְקְט אַ גַאנְץ יָאר אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעסְן קֵיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ - דִי שִׂמְחָה הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זִינְדִיגְן.

דֶער שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (מַסֶּכֶת פְּסָחִים; מוּבָא בִּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תעז, סְעִיף קָטָן א): "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן פְלֶעגְן זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן מִיט דִי מַצּוֹת, זֵיי פְלֶעגְן קוּשְׁן דִי מַצּוֹת מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה"; ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן א גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ תשע"ו תשע"ח)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## לעכטיגע פורים טעג מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

מוצש"ק פורים ביים מגילה ליינען אין ישיבה מיט גרויס התעוררות האט מען געהערט ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט די פסוק "ואני לא נקראתי לבוא אל המלך זה שלושים יום" געשטיקט מיט טרערן, שפעטער ווען מען האט געפרעגט דעם ראש ישיבה דערויף האט ער ערקלערט אז מרדכי האט געזאגט פאר אסתר "גיי צום אויבערשטן, פרעג א צדיק", האט אסתר געזאגט "ואני לא נקראתי לבוא אל המלך, קיינער דארף מיר נישט, קיינער הערט מיר נישט אויס, קיינער הייבט נישט אויף קיין טעלעפאן אויף מיר, קיינער דארף מיך נישט, איך שפיר ווי דער אויבערשטער דארף מיך נישט, יעדעס מאל איך פרוביר, פאל איך טיפער, איך האב פארלוירן מיין רוח הקדושה, איך געפין מיך צווישן צלמים", און מרדכי שטארקט איר "לאז דיך נישט, פארליר דיך נישט, קוק נישט אויף די אלע חלישת הדעת, גיי ווייטער טו וואס דו האסט צו טון".

פורים אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געטרונקען זיבן כוסות וויין, קעגן די זיבן מידות און די שבעה רועים, ביים פערטן כוס האט דער ראש ישיבה געזאגט אז די פערטע פון די זיבן רועים איז משה רבינו, מידת נצח, די מידה פונעם הייליגן רבין "נצחתי ואנצח". דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אמאל פלעגט ער מאכן קידוש און הבדלה אויף וויין און נישט אויף גרעיפ דזשוס, אבער זייט איין מאל נאך פורים וואס ער האט געטרונקען א שווערע וויין, זייט דעמאלטס איז אים שווער צו טרונקען וויין, אבער - האט דער ראש ישיבה געזאגט - דאס איז נישט מסירת נפש - טרונקען וויין פורים, מסירת נפש איז אז מען גייט התבודדות יעדן טאג.

פון דעם האט דער ראש ישיבה זייער אסאך גערעדט פורים, יעדער וואס וואס איז אריינגעקומען האט ער געפרעגט וואס מיינט מען איז מקורב צו א צדיק? מקורב צום צדיק מיינט - האט דער ראש ישיבה כסדר געחזרט - אז מען רעדט צום אויבערשטן. די ערשטע זאך צופרי דארף מען רעדן צום אויבערשטן, אז נישט וועלן מיר זיך טרעפן ווידער אין צען צוואנציג יאר ארום און דו וועסט נאך אלץ נישט וויסן וואס מיינט מקורב צום צדיק, מיט וועלכע שטריק בינדט מען זיך צו צו א צדיק? זיי נישט קיין חכם, רעד צום אויבערשטן.

איינע פון די אינגעלייט זייענדיג בגילופין האט זיך אנגערופן איך מאך שוין התבודדות פינף יאר און עס העלפט מיר נישט. האט דער ראש ישיבה געענטפערט, קודם כל כאפסטו נישט אז דו רעדסט בכלל נישט צום אויבערשטן, עס דאכט זיך דיך איך מאך התבודדות, און צווייטנס, מען טאר נישט זאגן אזא זאך. יעדע ווארט צום אויבערשטן העלפט זיכער. און דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט פארוואס טראכטסו אז עס האט נישט געהאלפן? האט ער געזאגט "איך בעט שוין פינף יאר איך זאל נישט זיין קיין כעס'ן און נאך אלץ קען איך מיך אויפרעגן. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט, זיכער קענסטו זיך אויפרעגן, ביסט נישט קיין מלאך, ביזט דען אזא בעל גאוה אז עס פאסט זיך נישט אז דו ביסט בסך הכל א מענטש און דו קענסט זיך אויפרעגן? און בכלל דאס אז דו בעטסט יעדן טאג אויף כעס איז גאר א גרויסע זאך, ווייל רבי נתן האט געזאגט אז א מענטש וועט בעטן א גאנצע לעבן צו זיין אן ערליכע איד, אפילו אויב ער וועט נישט מצליח זיין ח"ו, אבער וויבאלד ער האט געבעטן דערויף זיין גאנצע לעבן וועט ער באקומען שכר אויף יענע וועלט ווי א ירא שמים.

שושן פורים נאך שחרית האט דער ראש ישיבה געליינט די מגילה שנעל אן א ברכה, ער האט געזאגט אז אזוי האט זיך געפירט דער מונקאטשער רב, און אזוי אויך זיין זיידע, כדי זיך משתתף זיין מיט די שמחה פון די בני ירושלים.

נאך שחרית איז פארגעקומען א תיקון לע"נ א יארצייט פון איינע פון די מתפללים, דער ראש ישיבה שליט"א האט געוויזן אין ספר ארך אפים פון מוהרא"ש זי"ע וואס שרייבט אז די נשמות אויף יענע וועלט זענען מקנא א נשמה וואס האט איבערגעלאזט קינדער אויף די וועלט אין היכל הקודש.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט זייער הנאה געהאט צו פארברענגען פורים מיט תלמידי היכל הקודש, ווייל דעמאלטס קומט ארויס די שיינקייט פון אנשי שלומינו, גאר אסאך זענען געקומען נעמען ברכות, אבער קיינער האט נישט געבעטן א ברכה אויף געלט, אבער אנדערע אידן וואס האבן נאכנישט פארזוכט פון די זיסע עצות פונעם רבין האבן געבעטן געלט, שפע, פרנסה, אבער תלמידי היכל הקודש זענען געקומען און געוויינט, "איך וויל זיין א ירא שמים, איך וויל לערנען, און וויל רעדן צום אויבערשטן", דאס איז די פנימיות פון די תלמידים פונעם הייליגן רבין.

**להודיע שכל קויך לא יבוש ולא יכלמו לנצח כל החסים בך.**

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **ישראל שמעון שטיינבערג** הי"ו בארא פארק
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **יהושע קליין** הי"ו בארא פארק

***

החתן **יוסף פאנעט** הי"ו ירושלים
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

***

החתן **נחמן יצחק רעכניצער** הי"ו בני ברק
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **יעקב הורביץ** הי"ו בני ברק

***

מו"ה **יהודה טירנויער** הי"ו קרית ברסלב
צו די שמחת החתונה פון זיין זון למזל טוב עב"ג

***

החתן **יצחק גאלדוויי** הי"ו צפת
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **שלמה חיים ווייס** הי"ו מודיעין עילית
גבאי היכל הקודש ברכפלד
צו די בר מצווה פון זיין זון הבה"ח **אביגדור** נ"ו למזל טוב


## פסח אפטיילונג

**גרייט אייך צום הייליגן יום טוב פסח מיט שיעורים, דרשות, מעשיות פאר קינדער, קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן אי"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com** / טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**